

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

יום כיפור
תשפ"א לפ"ק
גליון קל"ב

## פראגע

**אויב אונזער שיקזאל איז שוין אפגעשריבן צווישן ראש השנה און יום כיפור, פארוואס זענען מיר מתפלל אגאנץ יאר?**

## ענטפער:

און דער ענטפער איז אז אלעמאל קען א מענטש צוריקדרייען דעם פסק דין. אלעס וואס הקב"ה שרייבט אן יום כיפור ווערט געשריבן **על תנאי** – מיט באדינגונגען.

למשל, א מענטש איז פארשריבן געווארן צום לעבן אויף קומענדיגן יאר. אבער לאמיר זאגן ער באשליסט אז ער וויל אראפטאנצן פון דאך. וועט דער אויבערשטער זאגן, "נו געגאנגען, טו עס." אלעס איז **על תנאי אז ער גייט נישט בוחר זיין עס קאליע צו מאכן**. אויב א מענטש וויל פארלירן וואס ער האט פארדינט ביים פסק דין יום כיפור, האט ער די מעגליכקייט עס אויפצוגעבן.

יעצט אודאי האט די זאך **באגרענצונגען** אין געוויסע וועגן, נישט אלעס קען מען טויש, אבער בכלליות דארפן מיר וויסן אז דאס איז דער אמת. אלע גזירות זענען געבויגן צו געוויסע תנאים. אפילו א גזירה לרעה חלילה, אויב א מענטש טוט אמת'דיג תשובה און ער ווייגט זיך אויס מיט'ן גאנצן הארץ, קען עס אין געוויסע פעלער העלפן. ווייל די גזירה איז געמאכט אויפ'ן תנאי, אז עס זאל פאסירן אויב ער טוט נישט תשובה.

און דערפאר לוינט זיך אלץ פאר א מענטש צו מתפלל זיין אויף אלעם. עס קען זיין אז דאס וואס איז נגזר געווארן אויף אים איז בלויז געווען על תנאי, און זיינע תפילות קענען עס איבערדרייען. (#555)

## פראגע

**פארוואס האט דער אויבערשטער נישט צוגעהערט די תפילות פון די צדיקים, די עשרה הרוגי מלכות, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם?**

## ענטפער:

עס איז נישט דא אין תירוץ אויף אלעם. יעדע פאל דארף עקסטער באהאנדלט ווערן.

לאמיר נעמען רבי עקיבא. רבי עקיבא איז געפייניגט געווארן צום טויט ביי די 120 יאר אלט. יעדער פארשטייט אז ער וואלט במילא נישט געלעבט צופיל לענגער פון דעם. ער האט געלעבט א מוצלח'דיג לעבן. רבי עקיבא איז געווען **זייער רייך!** רבי עקיבא האט חתונה געהאט צו די בארימטע ווייב פון טרונסרופוס. רבי עקיבא איז געווען אזוי בארימט אז זיי נאמען האט אפגעקלינגען אין די גאנצע וועלט: "אתה עקיבא ששמך הולך מסוף העולם ועד סופו."

ס'איז נישט געווען גארנישט וואס ער האט נישט דערגרייכט אויף דער וועלט. רבי עקיבא האט אויפגעשטעלט תלמידים וואס האבן אונז איבערגעגעבן די גאנצע תורה – די גאנצע תורה וואס מיר האבן היינט קומט פון רבי עקיבא'ס תלמידים.

יעצט איז ער שוין 120 יאר אלט, ער וואלט געקענט ארויפגיין אויף זיין בעט און באקומען א לונגען-אנטצינדונג אזוי ווי אלטע מענטשן באקומען געווענליך, און ער וואלט נפטר געווארן אין אן אומוויכטיגע, איינפאכע טויט? וואס וואלט ער געהאט דערפון? אנשטאט דעם איז רבי עקיבא נפטר געווארן ווי א מארטירער, על קידוש השם, און ער האט געהאט די זכי' צו ערפילן אין זיינע לעצטע מינוטן די מצוה פון **"ואהבת את השם אלקיך"**, ליב צו האבן השי"ת **"בכל נפשך"** – מיט'ן גאנצן לעבן, דאס מיינט, אפילו ער נעמט צו דיין לעבן. די געשיכטע מיט רבי עקיבא'ס הריגה ערשיינט אין די גמרא אלס

א ביישפיל פאר כלל ישראל אויף אייביג.

וואס וואלט געווען בעסער פאר רבי עקיבא, צו שטארבן פון א לונגען-אנטצינדונג, אדער צו שטארבן על קידוש השם? ער איז ארויס פון דער וועלט ווי א גרויסער העלד! אנשטאט ליגן אין א קאומע מיט דאקטוירים ארום אים, איז ער געשטאנען צווישן רוימישע סאלדאטן און זיין פלייש איז געשינד געווארן פון אים מיט אייזענע קעמלען. דאס איז א בילד פאר היסטאריע! רבי עקיבא האט זיך נישט געקענט פארשטעלן בעסער ווי דעם. ער האט געמאכט זיין ארויסגאנג פון דער וועלט אין די גלארייכסטע וועג.

יעדע פאל דארף אפגעלערנט ווערן באזונדער. אין געוויסע פעלער האבן די צדיקים געדינט אלס לימוד. רבי חנינא בן תרדיון איז פארברענט געווארן לעבעדיגערהייט. פארוואס? די גמרא זאגט "שהיה הוגה את השם באתיותיו" – ער האט ארויסגעזאגט דעם שם הוי' ברבים. ער האט געזאגט די באהאלטענע, סודות'פולע נאמען פון השי"ת ברבים. ער האט עס פארשטייט זיך געטון צוליב גוטע סיבות, אבער ווען ער איז אוועק פון דער וועלט אויף אזא אופן, דינט עס אלס א לערן-ביישפיל פאר די קומענדיגע דורות; אז ווען עס קומט צו די כבוד פונעם איבערשטנ'ס נאמען, ווערט קיינער נישט פארשוינט. די גרעסטע מענטשן דארפן זיין אויסטערליש געווארנט נישט איבערצוטרעטן די גבולים פונעם איבערשטנ'ס מאיעסטעט. און דאס איז די גרויסע לימוד וואס מיר לערנען פון רבי חנינא בן תרדיון.

דער איבערשטער הערט **יא** צו זייער תפילות, אבער ווען עס קומט צו געוויסע לימודים און גרויסע געלעגנהייטן, זאגט הקב"ה, **דו בעטסט פאר עפעס וואס איז נישט גוט פאר דיר**. מיר בעטן און מיר זאגן, "ימלא ד' כל משאלות לבנו **לטובה**" – דער איבערשטער זאל ערפילן אלע אונזערע געבעטן **צום גוטן**. דער איבערשטער זאגט, אסאך מאל זענען דא זאכן וואס זענען בעסער ווי די זאכן וואס **דו מיינסט** אז ס'איז גוט. און דערפאר שענקט ער זיי די זאכן וואס זיי האבן אפשר נישט געוואלט, אבער דאך איז עס פאר זייער גרעסטע טובה.

און וועגן דעם באקומען נישט צדיקים אלעמאל וואס זיי וואונטשן זיך. אסאך מאל בעטן זיי פאר זאכן וואס זענען פארקערט פון גוט, טראצדעם וואס זיי האלטן נישט אזוי.

## פראגע

**פארוואס דאוונט איך נישט הויעך אויפ'ן קול און איך שאקלט זיך נישט?**

## ענטפער:

איך בין געווען אין סלאבאדקע, און איך האב באטראכט מיינע רבי'ס. מיינע רבי'ס ווען זיי האבן געדאוונט זענען זיי געשטאנען גראד ווי ביימער. זיי זענען געווען **כולו מחשבה**, זיי זענען געווען א שטיק מחשבה. יעצט, איך בין נישט דאס, אבער איך וויל זיי עכ"פ נאכמאכן. און זיי זענען געווען כולו מחשבה, זיי זענען געווען טיף אריינגעטון אין מחשבות.

איך האב אייך שוין דערציילט די מעשה מיט רבי ישראל סאלאנטער, ווען ער איז אמאל געקומען קיין ווארשע צו באזוכן דעם גערערער רבי. ווען ער האט געענדיגט דעם באזוך האט דער גערערער רבי אים ארויסבאגלייט ביז אראפ צום טיר פון גאס. ס'איז געווען א חידוש! גאנץ ווארשע האט געוואוסט אז דער גערערער רבי האט אראפבאגלייט א ליטוואק ביז צום גאס-טיר. איז א מאסע פון גערערער חסידים זענען געקומען זען דעם גרויסן צדיק. זיי זענען אים נאכגעגאנגען אויף די גאסן. וויל אויב דער רבי האט אים באגלייט צום טיר, מוז ער זיין עפעס!

זיי האבן אים נאכגעפאלגט ביז ער איז אנגעקומען אין א בית הכנסת צו דאווענען מנחה. אה, יעצט וועלן זיי זען א מחזה – מיר גייען זען א צדיק דאווענען! האט איר שוין אמאל געזען א צדיק דאווענען? איך האב אמאל געזען – ער איז געשפרינגען ארויף און אראפ! מיט התלהבות, מיט א פייער פון אהבת השם.

אבער רבי ישראל איז געשטאנען גראד און ער האט זיך נישט גערירט ביים דאווענען. און די חסידים זענען געווען שרעקליך אנטוישט! אבער עס איז געווען דארט א מענטש וואס איז געשטאנען נאנט צו אים, ער האט באטראכט זיין שטערן, און ער האט געזען ווי די אדערן אויף זיין קאפ זענען אויפגעשוואלן, די אדערן האבן זיך געווארפן. זיין מח האט געארבעט זייער שווער, **עבודה שבלב**. אזוי ווערט תפלה אנגערופן, **א מח-ארבעט**. דאס איז וויאזוי מיינע רבי'ס האבן געדאוונט, מיט זייער מח. (E-39)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
א וואך
מועדים $3

**בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק**

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק
http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב